Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 20, נומער 3 (98)

ניסן תשע״ה/מאַרץ 2015

## הינטער די קוליסן[1] מיטן טרוים־טעאַטער

דער טרוים־טעאַטער, די דראַמאַטישע טרופּע פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, האָט הײַיאָר געשטעלט[2] גאַנצע צוויי פּיעסעס[3]. באַלד פֿאָרן זיי קיין ניו־יאָרק, ווו מע האָט זיי פֿאַרבעטן צו שפּילן אין די ראַמען[4] פֿונעם „קולטורפֿעסט"[5]. דער ייִדישער טעם־טעם האָט געוואָלט וויסן מער וועגן דער טרופּע און אירע מיטאַרבעטער, האָבן מיר זיך אַרײַנגעכאַפּט[6] אין זייערס אַ צונויפֿקום[7], ווו מיר האָבן געגעסן און געטרונקען און געשמאַק געשמועסט וועגן טעאַטער.

דער טרוים־טעאַטער איז געגרינדעט געוואָרן אין 2001, געבוירן פֿון אַ „טרוים“ פֿון דער רעזשיסאָרשע[8] שאַרלאָט מעסער. זי איז געווען איר גאַנץ לעבן אַרײַנגעטאָן[9] אין טעאַטער און האָט געחלומט[10] צו שאַפֿן אַ טעאַטער־טרופּע אויף ייִדיש. די אַקטיאָרן (אַלע אַמאַטאָרן) זײַנען מיטגלידער פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער און אַלע האָבן געוואָלט זיך אויסלערנען שפּילן אויף אַ בינע[11] און דער עיקר[12] שפּילן אויף ייִדיש.
שאַרלאָט, מיט דער הילף פֿון איר מאַן, אַליק מעסער, וואָס איז דער אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פֿונעם טעאַטער, קלײַבט אויס די פּיעסעס און באַאַרבעט[13] זיי פֿאַר דער טרופּע. זיי האָבן אָנגעהויבן אין יאָר 2004 מיט די יונהס און דער וואַלפֿיש[14] פֿון חיים סלאָוועס[15], אַ דראַמאַטורג, פּובליציסט[16] און אַדוואָקאַט אַ נאָענטער צו די קאָמוניסטישע קרײַזן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז אין 1926. דערנאָך האָט דער טרוים־טעאַטער געשפּילט צוויי קאָמעדיעס : די צוויי קונע־לעמל[17] פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען[18] און דאָס גרויסע געווינס[19] פֿון שלום־עליכם[20]. די טרופּע איז שוין אַרומגעפֿאָרן מיט די פּיעסעס אין אויסלאַנד.
די צוויי ווערק וואָס זיי האָבן געשפּילט הײַיאָר זײַנען פֿון גאָר פֿאַרשיידענע סאָרטן – איינס אַ קאָמעדיע, אַ מין מאָדערנע פּורים־שפּיל, און דאָס צווייטע אַ מאָנאָלאָג אין וועלכן אַן אַלטע ייִדישע פֿרוי פֿון בעסאַראַביע[21] דערציילט די טראַגישע געשעענישן פֿון איר לעבן.
די ערשטע פּיעסע, המנס מפּלה[22], אויך פֿון חיים סלאָוועס, וואָס די טרופּע האָט אָנגעהויבן צו גרייטן מיט צוויי יאָר צוריק, דערציילט די מעשׂה[23] פֿון פּורים. דער מחבר[24] האָט געשריבן די פּיעסע אין 1940 און זי שטאַרק איבערגעאַרבעט נאָך דער באַפֿרײַונג אין 1944. דערנאָך האָט מען זי פֿאָרגעשטעלט אויף דער בינע. דער טעקסט איז אַרויס אין בוכפֿאָרעם אינעם פּאַריזער פֿאַרלאַג[25] „אויפֿסנײַ“ אין 1949.
טאָ[26] ווי אַדאַפּטירט מען אַזאַ ווערק פֿאַר דעם הײַנטיקן עולם[27] ?
שאַרלאָט האָט אונדז דערקלערט : „מיר האָבן דאָס אַ סך איבערגעאַרבעט. ס'איז געווען פֿול מיט למדנישע[28] ציטאַטן און אויך מיט



אַ סצענע פֿון דער פּיעסע „המנס מפּלה“. © Jacky Azoulay

אַלוזיעס צו דער פּאָליטיק פֿון די פֿערציקער יאָרן, וואָס קיינער וואָלט הײַנט נישט פֿאַרשטאַנען. אָבער מע מוז אויך אָפּהיטן אַ צענטראַלע טעמע און ניט פֿאַרלירן דעם פֿאָדעם[29] פֿון דער מעשׂה. מיר מוזן שטענדיק האָבן אין זינען[30] די פֿעיִקייטן[31] פֿון די אַקטיאָרן. און אויך בײַטן אַ פּאָר מענערשע ראָלעס אויף פֿרויִשע – די טרופּע האָט מער פֿרויען ווי מענער !“.
אַ מיטגליד פֿון דער טרופּע דערקלערט דאָס אַלץ מיט אַ שמייכל : „עס פּאַסירט אַזוי : שאַרלאָט לייענט איבער די פּיעסע אַ פּאָר הונדערט מאָל. דאַן נעמט זי אַ בלײַער און הייבט אָן אויסשטרײַכן[32] גאַנצע שורות[33].

[סוף אויף ז׳ 8]

1. coulisses/wings (behind the scenes) 2. monté/produced 3. pièces/plays 4. dans le cadre de/as part of 5. KulturfestNYC, http://tinyurl.com/kulturfestpdf 6. faufilé/dropped in 7. rencontre/gathering 8. metteuse en scène/director (*fem.*) 9. active/involved in 10. GEKHOLEMT rêvé/dreamed 11. scène/stage 12. ... IKER surtout/above all 13. adapte/adapts 14. ... YOYNES ... *Les Jonas et La Baleine/The Jonahs and the Whale* 15. KHAIM Sloves (1905-1988) 16. essayiste, journaliste/journalist, essayist 17. *Les Deux Kune-Leml/The Two Kune-Lemls* 18. AVROM Goldfaden (1840-1908) 19. *Le Gros Lot/The Lottery* 20. SHOLEM-ALEYKHEM (1859-1916) 21. Bessarabie/Bessarabia 22. HOMENS MAPOLE *La Chute de Haman/Haman's Downfall* 23. MAYSE histoire/story 24. MEKHABER auteur/author 25. maison d'édition/publisher 26. alors/so 27. OYLEM public/audience 28. LAMDO'NISHE savants/scholarly 29. fil/thread 30. garder à l'esprit/keep in mind 31. compétences/abilities 32. rayer/strike out 33. SHURES *ici* répliques/lines

# ציגײַנער[1] אין דער ייִדישער פּאָעזיע



ציגײַנערישע מאָטיוון זײַנען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מע דאַרף באַמערקן אַז דאָס וואָרט „ציגײַנער“ איז אויף ייִדיש ניט פּעיאָראַטיוו. מיר דרוקן דאָ אָפּ דרײַ לידער פֿון ייִדישע פּאָעטן, געווידמעטע ציגײַנער, און איין ליד איבערגעזעצט פֿון רוסיש, נאָר וואָס מע האָט אַ סך געזונגען אויף ייִדיש. דאָס ערשטע, וואָס מע רופֿט אָפּט אָן „שפּרײַז[2] איך מיר“ איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן פּאָעט שמשון[3] קאַהאַן (1909 – ?194). ער האָט געהערט צו דער ליטעראַרישער גרופּע „יונג ווילנע“, בשעת[4] דער מלחמה[5] איז ער געווען אין ווילנער געטאָ און איז מסתּמא[6] אומגעקומען[7] אין פּאָנאַר[8]. ער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן פֿאָלקלאָר פֿון ציגײַנער און געלעבט מיט זיי אַ געוויסע צײַט. דאָס דאָזיקע ליד האָט ער טאַקע אַדאַפּטירט פֿון אַ ציגײַנער־ליד. אויך איציק מאַנגער האָט אָנגעשריבן עטלעכע לידער מיט ציגײַנער־מאָטיוון, ווו ער שאַפֿט אַ ראָמאַנטישן פֿאַרגלײַך צווישן דעם לעבן פֿון אַ ציגײַנער און אַ פּאָעט – ביידע פֿרעמדע אין דער געזעלשאַפֿט[9], פֿרײַ און נע־ונד[10]. אין זײַן אַנטאָלאָגיע פֿעלקער זינגען, פֿאָלקסלידער איבערגעזעצטע פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן, האָט ער אַרײַנגענומען נײַן ציגײַנערישע לידער. דאָס ליד „ציגײַנערס“ דאָ אונטן ווײַזט אַ שײַכות[11] צווישן דעם לעבן פֿון ציגײַנער און ייִדן. דאָס דריטע ליד קומט פֿון אַבֿרהם[12] סוצקעווערס פּאָעמע „געהיימשטאָט“[13], וואָס באַשרײַבט דאָס לעבן פֿון אַ גרופּע צען ייִדן וואָס באַהאַלטן זיך אין די ווילנער קאַנאַלן[14] בשעת דעם חורבן[15]. אָנגעשריבן האָט ער זי אין 1945 ווען ער איז אַליין אַרויס פֿון ווילנער געטאָ. איינער פֿון די ניט־ייִדישע העלדן[16] איז דער ציגײַנער פּעטראָ. סוצקעווער שטעלט זיך אָפּ[17] אויף דעם ענלעכן גורל[18] פֿון ייִדן און ציגײַנער אינעם חורבן.

## ציגײַנער־ליד
### פֿון שמשון קאַהאַן

שפּרײַז איך מיר מיט גיכע, מיט גיכע טריט,
נאָך אַ פֿערדל צום יריד[19], צום יריד.
מיטן טײַסטער[20] קלינג[21] איך מיר, קלינג איך מיר,
און אַ לידל זינג איך מיר, זינג איך מיר.



צו דער שטאָט איז ווײַט נאָך, זייער ווײַט,
שטייט אַ קרעטשמע[22] בײַ דער זײַט, בײַ דער זײַט.
ברייט צעעפֿנט איז די טיר, איז די טיר,
קרעטשמער[23], גיב אַ גלעזל מיר, אַ גלעזל מיר.

נאָך אַ גלעזל, נאָך אַ גלעזל, נאָך אַ גלאָז
גיסט מיר אָן דער באַלע–, דער באַלעבאָס[24].
וואָס מיר שטאָט און ווען מיר, ווען יריד[25],
אַז קיין פֿערדל דאַרף איך ניט, דאַרף איך ניט.

ס'פֿערדל האָב איך נישט געקויפֿט, נישט געקויפֿט
און דאָס געלט שוין לאַנג פֿאַרזויפֿט[26], לאַנג פֿאַרזויפֿט,
און פֿאַר צרות[27] שפּרינג איך מיר, שפּרינג איך מיר,
און אַ לידל זינג איך מיר, זינג איך מיר.

## ציגײַנערס
### פֿון איציק מאַנגער

ציגײַנערס אין די בוידן[28]. וואָלקנס איבער וועגן.
(לך־לך[29] – אַ פּסוק[30] צום פֿאַרטײַטשן[31]).
בליצן[32] צינגלען[33], דונערס[34] – קנאַלנדיקע בײַטשן[35].
ס'שמעקט מיט הפֿקר[36] און מיט קומענדיקן רעגן.

שלאָפֿנדיקע שטעט און דערפֿער שווימען זיי אַנטקעגן,
אַ ליכטיק וויגליד[37] וואָס ס'האָט אַ מאָל פֿאַרלאָרן
זייער עלטער־מאַמע[38] צווישן לאַנג־פֿאַרבליטן קאָרן[39].
„כּי טובֿ!“[40] – האָט זי פֿרום געמורמלט[41] – „ווערט דער מיטאָס[42] פֿון די וועגן!“

ציגײַנערס אין די בוידן, זייערע שוואַרץ־געקרויזטע בערד[43]
זענען קלוג און אומרויִק ווי זי – די אַלטע ערד,
וואָס דרייט זיך פֿון קדמונים[44] כּדי צו[45] דערגיין איר מיין[46] –

בליצן צינדן זיך. דונערס – קנאַלנדיקע בײַטשן.
לך־לך – אַן אַלטער פּסוק צום פֿאַרטײַטשן.
ציגײַנערס זענען רשי־כּתבֿ[47] וואָס העלפֿן דיר פֿאַרשטיין.

1. Roms, Tsiganes/Roma, Gypsies 2. je marche à grands pas/I stride along 3. shimshn 4. besh'as pendant/during 5. milkhome guerre/war 6. mistome probablement/probably 7. périt/died 8. Ponary, lieu d'exécution de masse près de Vilnius/site of mass executions near Vilnius 9. société/society 10. navena'd errant/wandering 11. shaykhes rapport/relation 12. avrom 13. ville secrète/secret city 14. égouts/sewers 15. khurbm Génocide (1939-1945) 16. personnages/characters 17. se penche sur/brings out 18. goyrl destin/fate 19. yari'd foire/fair 20. porte-monnaie/purse 21. fais sonner/jingle 22. auberge/inn 23. aubergiste/innkeeper 24. patron/owner 25. peu m'importe la ville, la foire/what care I for town or fair? 26. dépensé en beuveries/drank it all up 27. tsores soucis/troubles 28. roulottes/wagons 29. le'kh-lekho "Va t'en" (Gen. 12:1)/"Go forth" (Gen. 12:1) 30. posek verset/verse 31. interpréter/interpret 32. éclairs/lightning 33. *ici* jaillissent/*here* flash 34. coups de tonnerre/thunder 35. fouets qui claquent/snapping whips 36. hefker abandon 37. berceuse/lullaby 38. une ancêtre/ancestor 39. seigle fané depuis longtemps/long withered rye 40. ki to'yv c'est bien (Gen. 1:4)/It is good (Gen. 1:4) 41. pieusement murmuré/with a pious murmur 42. devenez mythe/become the myth 43. barbes noires frisées/curly black beards 44. … kadmoynim depuis des temps immémoriaux/from time immemorial 45. kede'y … afin de/in order to 46. comprendre son sens/grasp its meaning 47. rashi-ksav comme un commentaire de Rashi/like a commentary by Rashi



## טאַבאָרן[48] ציגײַנער
### פֿון אַבֿרהם סוצקעווער

טאַבאָרן ציגײַנער פֿון ליטע[49] און פּוילן,
איר בערדיקע[50] מענער, שוואַרצערדיקע[51] טעכטער, –
בערלין האָט אײַך אַלעמען טייטן באַפֿוילן[52],
געקוילעט[53] אַ וואַלד מיט געזאַנג און געלעכטער.
באַנאַנד[54] מיט די ייִדן מע האָט אײַך געשײַטערט[55],
אַ רעגן מיט אַש איבער מאַמע ווילִיע[56].
און אײַערע וועגענער[57] זומפּיקן[58], פֿוילן[59],
טאַבאָרן ציגײַנער פֿון ליטע און פּוילן.

ס'האָט פּושקין[60] אַנטפּלעקט אײַער פּראַכט[61], אײַער וואַנדער[62],
זײַן האַרץ האָט געפּײַקלט[63] אין אײַער באַנדורע[64].
צי וועט דעם ציגײַנערשן אומקום[65] אַן אַנדער
באַזינגען מיט זעלביקער קלאַנגיקער גבֿורה[66] ?
דער נאַכטיגאַל סײַדן[67], בלויז ער, דער מקונן[68]
וואָס האָט אײַך באַגלייט צו די שלאַנגענע ראָוועס[69].
פֿאַרבייגן זיך טונקל די ווערבענע קרוינען[70]
און זאַפּן אײַך אײַן[71] אין די גרינע מחשבֿות[72].
אָ, שטאַם[73] איבערהויפּט[74] פֿון פּאָעטן געשעצטער[75] !
פּעטראָ איז געבליבן, קען זײַן, אײַער לעצטער.

## שפּיל, גיטאַר !
### פֿון שמואל פּאָקראַס[76]

שפּיל, גיטאַר, ביז מײַן צער[77] וועט אויפֿהערן,
זאָלן פּלאַצן[78] די סטרונעס[79] אָן אַ צאָל.
כ'וויל אין ווײַן און שאַמפּײַן[80] שיכּור ווערן[81],
און פֿאַרגעסן וואָס געווען איז אַ מאָל.

רעפֿריין
צו וואָס זשע זאָרגן
פֿאַרן מאָרגן,
פֿיל דעם בעכער אָן מיט ווײַן,
הייב דעם בעכער,
העכער, העכער,
אין דעם ווײַן פֿאַרגייט דער פּײַן.

די ציגײַנער, זיי רוען און שלאָפֿן,
און מען הערט שוין קיין לידל נישט מיין[82],
נאָר כּל־זמן[83] ס'איז פֿאַראַן ווײַן אַ טראָפּן,
איז דער לעבן און טויט שוין אַלץ איינס[84].

אַלט און שוואַך, אָן אַ דאַך, איז פֿאַרבליבן
אַ ציגײַנער, אַ העלד, גאַנץ אַליין,
פֿערדלעך גנבֿענען[85], מיידלעך פֿיל ליבן,
ער פֿלעגט זינגען דאָס ליד אַזוי שיין.

48. campements/encampments 49. Lituanie/Lithuania 50. barbus/bearded 51. de la terre noire/of black earth 52. a ordonné votre mort/ordered your death 53. massacré/slaughtered 54. ensemble/together 55. envoyés au bûcher/burned at the stake 56. une des deux rivières de Vilnius/one of the two rivers of Vilnius 57. roulottes/wagons 58. s'enfoncent dans les marécages/sink in the swamps 59. pourrissent/rot 60. Alexandre Pouchkine (1799-1837) a écrit un célèbre poème, "Les Tsiganes"/Alexander Pushkin (1799-1837) wrote a well-known poem "The Gypsies" 61. splendeur/splendor 62. errance/wandering 63. battait/beat 64. instrument à cordes d'Ukraine/Ukrainian stringed instrument 65. destruction 66. ... GVURE la même puissance musicale/the same musical force 67. excepté le rossignol/except for the nightingale 68. MEKOYNEN poète élégiaque/poet of mourning 69. fosses comme des serpents/snakelike ditches 70. les cimes des saules se penchent/the willow crowns bend down 71. vous absorbent/soak you in 72. MAKhSHOVES pensées/thoughts 73. peuple/folk 74. surtout/most of all 75. apprécié/praised 76. ShMUEL Samuil Pokrass (1894-1939) 77. TSAR chagrin/pain 78. se rompre/break 79. cordes/strings 80. שאַמפּאַניער champagne 81. ShIKER ... me soûler/get drunk 82. נישט מער 83. KOL-ZMAN tant que/as long as 84. égal/just the same 85. GA'NVENEN voler/steal.

# עצות[2] פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש
# טייל 2 : גראַמאַטיק און וואָקאַבולאַר

פֿון טל חבֿר־כיבאָווסקי[3]



אין דער רובריק[4] „שיבֿעים־לשון" קלײַבן מיר אויס יעדעס מאָל אַן אַנדער שפּראַך און גיבן באַזונדערע עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען אָט די שפּראַך. אינעם לעצטן נומער האָבן מיר גערעדט וועגן אַ פּאָר פֿאָנעטישע כּללים[5] וואָס קענען העלפֿן ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש. מיר בלײַבן נאָך אַלץ מיט דײַטש און דאָס מאָל וועלן מיר געבן אַ פּאָר שפּראַך־עצות וועגן גראַמאַטיק און וואָקאַבולאַר.

## נישטאָ קיין פּרעטעריט[6]

דײַטש פֿאַרמאָגט אַ פּשוטע[7] פֿאַרגאַנגענהייט־פֿאָרם, אָן אַ הילפֿסווערב[8] (ד"ה[9] : זײַן/האָבן) וואָס מע רופֿט „פּרעטעריט". דאָס וואָרט קומט פֿון לאַטײַן : tempus praeteritum („פֿאַרגאַנגענע צײַט"). אַ מאָל האָט ייִדיש אויך געהאַט דעם דאָזיקן פּרעטעריט, און אין אַלט־ייִדישע טעקסטן קען מען אים געפֿינען זייער אָפֿט (למשל[10] : „ער וואַר" אַנשטאָט „ער איז געווען"). אַפֿילו[11] ביזן 19טן יאָרהונדערט איז דער פּרעטעריט געבליבן אין אַ פּאָר אַרכאַיִזמען (אַחוץ[12] די נײַע דײַטשמעריזמען אין דער דאָזיקער תּקופֿה[13]) בײַ ייִדישע מחברים[14] ווי אײַזיק מאיר[15]־דיק (1814–1893). הײַנט איז נישטאָ קיין פּרעטעריט אויף ייִדיש און ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש דאַרפֿן בײַטן סיסטעמאַטיש, ווען זיי רעדן אָדער שרײַבן, אַלע ווערבן אין פּרעטעריט אויף אַ פֿאַרגאַנגענהייט מיט אַ הילפֿסווערב :

ich war ← איך בין געווען  
ich hatte ← איך האָב געהאַט  
ich wollte ← איך האָב געוואָלט, אאַז"וו[16]...


עש וואר נון נאכֿט בבֿא ליגט זיך נידר

**דער פּרעטעריט אין אַלט־ייִדיש : „עש וואר נון נאכֿט בבֿא ליגט זיך נידר" (אויף הײַנטיקן ייִדיש „עס איז שוין געווען נאַכט, בבֿא [אַרויסרעדן : באָווע] לייגט זיך אַנידער"). ציטאַט פֿון „בבֿא־בוך" פֿון אליהו בחור [אַרויסרעדן : עליִע באָכער] (געדרוקט אין 1541).**

## פּרעפּאָזיציעס נאָר מיט דאַטיוו

ווי אין לאַטײַן האָט דײַטש פֿאַרשיידענע פּרעפּאָזיציעס וואָס פֿאַרלאַנגען פֿאַרשיידענע בייגפֿאַלן[17] (דאַטיוו, אַקוזאַטיוו אָדער געניטיוו). אויף דײַטש טרעפֿט זיך אַפֿילו אַז די אייגענע פּרעפּאָזיציע פֿאַרלאַנגט אַ דאַטיוו אין געוויסע פֿאַלן און אַן אַקוזאַטיוו אין אַנדערע. ווען עמעצער, למשל, **איז** אין דעם הויז, איז ער, אויף דײַטש, in dem Haus (די פּרעפּאָזיציע in + דאַטיוו), אָבער ווען עמעצער **גייט** אין הויז **אַרײַן**, גייט ער in das Haus (די פּרעפּאָזיציע in + אַקוזאַטיוו). אויף ייִדיש, גאָט צו דאַנקען, איז די זאַך אַ סך פּשוטער, און מע דאַרף נאָר געדענקען אַז **אַלע ייִדישע פּרעפּאָזיציעס, אָן אויסנאַמען[18], פֿאַרלאַנגען דעם דאַטיוו** :

für mich ← פֿאַר מיר  
ohne dich ← אָן דיר  
durch sie ← דורך איר, אאַז"וו...

וואָס שייך[19] וואָרט־אָרדענונג האָבן ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש גאָר אַ גרויסע מעלה[20], אַז זיי פֿאַרשטייען באַלד דעם פּרינציפּ פֿונעם ווערב אין דער צווייטער פּאָזיציע (דער דאָזיקער פּרינציפּ האָט אַ פּאָר אויסנאַמען אויף ייִדיש, ווי אויך אויף דײַטש, נאָר דאָ רעדט מען וועגן דעם נאָרמאַלן זאַץ־סדר[21]) :

| **1טע פּאָזיציע** | **2טע פּאָזיציע : ווערב** | **3טע פּאָזיציע** |
|---|---|---|
| איך<br>Ich | קום<br>**komme** | מאָרגן.<br>morgen. |
| מאָרגן<br>Morgen | קום<br>**komme** | איך.<br>ich. |
| ווען איך שלאָף,<br>Wenn ich schlafe, | בין<br>**bin** | איך צופֿרידן.<br>ich zufrieden. |



1. shivim-loshn 70 langues (*traditionnellement* toutes les langues du monde)/70 languages (*trad*. all languages of the world) 2. eytses conseils/advice 3. Tal Hever-Chybowski 4. rubrique/column 5. klolim règles/rules, *sing*. כּלל klal 6. passé simple/simple past 7. po'shete simple 8. auxiliaire/auxiliary 9. דאָס הייסט 10. lemoshl par exemple/for example 11. afile même/even 12. akhu'ts excepté/except 13. tkufe époque/epoch 14. mekhabrim auteurs/authors 15. meyer 16. און אַזוי ווײַטער 17. cas de déclinaison/cases in declension 18. exceptions 19. ... shayekh en ce qui concerne/as for 20. mayle avantage/advantage 21. seyder ordre/order

אויף זײַט 4 : דער בבֿל־טורעם, בילד פֿון פּיטער ברויגעל דעם עלטערן (אַרום 1568).
זײַט 5 (פֿון לינקס אויף רעכטס) : אַ בוך אויף דײַטש וועגן ייִדיש אָנגעשריבן דורך יאָהאַן־קריסטאָף וואַגענזײַל (האַמבורג, 1699). אַ ייִדיש־לערנבוך אויף דײַטש פֿון מאַריאָן אַפּטראָט און האָלגער נאַט (האַמבורג, 2002). „ייִדיש אינעם בערלינער דיאַלעקט“, פֿון אַנדרעאַס נחמה (בערלין, 2005).


Johann Christof Wagenseils
Belehrung
Der
Jüdisch - Teutschen
Red- und Schreibart.
Durch welche/
Alle so des wahren Teutschen Lesens kundig/
für sich selbsten/ innerhalb wenig Stunden/
zu sothaner Wissenschafft gelangen können.
In einem weitläufftigen Fürtrag wird klärlich erwiesen/
Daß solche Erfahrenheit/
Denen hohen und niedern Obrigkeiten/ wie auch deren Rathgeben/
und andern Rechtsgelehrten/denen Theologis, Medicis, Handels-Leuten/
und insgemein Jedermann/ nutzlich/ auch fast nothwendig sey.
Unter andern Jüdischen Büchern/ wird dargestellet/
מסכת נגעים:
Oder
Das Talmudische Buch von dem Aussatz:
Was es nemlich mit dem Aussatz der Menschen/ der Kleider/und der Häuser/
ehemahlen in dem Jüdischen Land/ für eine Bewantnus gehabt.
Zur Zugabe
Wird ein Bedencken beygefüget/ wodurch die viel und lang höchst-strittig
gewesene Frage:
Ob die Heil. Schrifft einem Mann erlaube zwey Schwe-
stern nacheinander zu heyrathen?
Dermaleins zu bescheiden/ und die Bejahung allerdings
fest zu setzen gesucht wird.
Königsberg/ gedruckt in dem MDCXCIX. Heyl-Jahr.
In Verlegung Paul Friederich Rhode/ Buchhändlers daselbst.







אָבער דײַטש־קענערס וואָס לערנען זיך ייִדיש דאַרפֿן געדענקען אַז ייִדיש שיקט נישט קיין ווערב אָדער אַ ווערבטייל צום סאַמע סוף[22] פֿונעם זאַץ ווי דײַטש :

Ich kann es ohne Hilfe **tun**. ← איך קען עס **טאָן** אָן הילף.
Du weißt, weil du Bücher **liest**. ← דו ווייסט, ווײַל דו **לייענסט** ביכער.
Er hat das Prinzip **verstanden**. ← ער האָט **פֿאַרשטאַנען** דעם פּרינציפּ.

## פֿאָרזיכטיק : כלומרשטע פֿרײַנד[23] !

אַ „כלומרשטער פֿרײַנד“ (איך דאַנק יצחק[24] ניבאָרסקין פֿאַרן געראָטענעם[25] נעאָלאָגיזם) איז אַ וואָרט אין איין שפּראַך וואָס זעט אויס ענלעך צו (און איז אפֿשר[26] עטימאָלאָגיש פֿאַרבונדן מיט) אַ וואָרט אין אַן אַנדער שפּראַך, נאָר עס האָט גאָר אַן אַנדער באַטײַט. ייִדיש און דײַטש האָבן אַ פּאָר כלומרשטע פֿרײַנד אַזעלכע וואָס מען דאַרף פּשוט קענען. **שמעקן**, למשל, הייסט אויף ייִדיש שפּירן מיט דער נאָז, נישט מיט דער צונג (ווי בײַם דײַטשישן schmecken). אָבער פּראָבירן אַ מאכל[27] מיט דער צונג הייסט אויף ייִדיש דווקא[28] **פֿאַרזוכן** (נישט צו פֿאַרמישן מיט versuchen, וואָס באַטײַט אויף דײַטש **פּרוּוון**). דאָ זענען נאָך אַ פּאָר בײַשפּילן :

| דאָס ייִדישע וואָרט | באַטײַט אויף ייִדיש | אָבער זעט אויס ווי | וואָס באַטײַט אויף דײַטש |
|---|---|---|---|
| טײַך[29] | אַ גרויסער באָך[30] | Teich | אָזערע[31] |
| פֿונדעסטוועגן[32] (אַדווערב) | נישט געקוקט אויף דעם | deswegen | צוליב דעם |
| וועגן (פּרעפּאָזיציע) | לגבי[33], אויף (אַ טעמע) | wegen | צוליב |
| וואָרעם/וואָרן | ווײַל | warum | פֿאַר וואָס |
| דאַרפֿן | מוזן | dürfen | מעגן |
| מעגן | קענען, האָבן דאָס רעכט צו | mögen | ליב האָבן |
| (גע)זעגענען זיך[34] | אָפּשיידן זיך | segnen | בענטשן[35] |

אינעם קומענדיקן נומער וועלן מיר שמועסן וועגן לינגוויסטישע ענלעכקייטן צווישן ענגליש און ייִדיש און ווײַזן ווי אַזוי קען ענגליש העלפֿן בײַם אַרויסרעדן ייִדיש ריכטיק.



22. ... SOF tout à la fin/at the very end 23. KLO'YMERSHTE ... faux amis/false friends 24. YITSKHOK 25. réussi/successful, *here* clever 26. EFSHER peut-être/perhaps 27. MAYKHL plat/dish 28. DAFKE justement/specifically 29. rivière, fleuve/river 30. ruisseau/stream 31. étang, lac/pond, lake 32. cependant/nevertheless 33. LEGABE par rapport à/in relation to 34. prendre congé de/take leave of 35. bénir/bless.

## שווער צו גיין אין שול[1] !



דער ערשטער טאָג פֿונעם שוליאָר[2]. לייבעלע ליגט אין בעט. די מאַמע קומט אַרײַן.

מאַמע : לייבעלע ! שוין צײַט אויפֿצושטיין[3] ! דו דאַרפֿסט[4] גיין אין שול !

לייבעלע : ניייייין... איך וויל ניט... לאָז מיך שלאָפֿן, מאַמע...

מאַמע : לייבעלע, שטיי אויף, איך וועל דיר מאַכן פֿרישטיק[5] !

לייבעלע : איך וויל ניט, איך וויל בלײַבן אין בעט און גלעטן[6] די קאַץ !

מאַמע : דו וועסט גלעטן די קאַץ ווען דו וועסט צוריקקומען פֿון שול.

לייבעלע : אָבער איך בין קראַנק. איך קען ניט גיין אין שול.

מאַמע : דו ביסט פֿאַרקילט[7] ? טאָ[8] נעם אַן אַספּירינקע.

לייבעלע : אָבער איך וויל ניט גיין אין שול.

מאַמע : לייבעלע, זאָג ניט קיין נאַרישקייטן[9], דו דאַרפֿסט גיין אין שול.

לייבעלע : מאַמע, איך האָב אַזוי פֿײַנט[10] די לערערס !

מאַמע : לייבעלע, הער אויף[11], גיי אין שול !

לייבעלע : אָבער איך האָב אויך פֿײַנט די תּלמידים[12] !

מאַמע : לייבעלע, דו **מוזסט** גיין אין שול ! דו ביסט דאָך דער דירעקטאָר !

## שווער צו זײַן אַ דאָקטער !



אַ פֿרוי ליגט אין שפּיטאָל[13] ווו זי וועט באַלד האָבן אַן אָפּעראַציע.

דער כירורג[14] קומט אַרײַן.

כירורג : נו, פֿרוי שולמאַן, ווי פֿילט איר זיך ?

פֿרוי שולמאַן : אוי, דאָקטער, איך האָב מורא[15].

כירורג : זאָרגט זיך ניט[16]. אַלץ וועט זײַן גוט.

פֿרוי שולמאַן : יאָ, אָבער איך בין אַ ביסל אומרויִק[17].

כירורג : פֿאַר וואָס ? א י ך בין ניט אומרויִק.

פֿרוי שולמאַן : אָבער דאָקטער, איר פֿאַרשטייט – דאָס איז מײַן ערשטע אָפּעראַציע.

כירורג : נו, וואָס ? דאָס איז אויך מ ײַ ן ערשטע אָפּעראַציע.

## שווער צו זײַן אַן אַדוואָקאַט[18] !



יאָסל גייט איין אָוונט אויף אַ מסיבה[19]. ער טרעפֿט זיך מיט איינעם פֿון די געסט און דערוויסט זיך[20] אַז יענער איז אַן אַדוואָקאַט.

יאָסל : זייער אײַנגענעם[21]. איך וואָלט געוואָלט אײַך עפּעס פֿרעגן. זאָגט מיר – איז עס אמת[22] אַז ווען מע גייט צו אַן אַדוואָקאַט דאַרף מען באַצאָלן אַ געוויסע סומע[23] פֿאַר יעדער פֿראַגע אויף וואָס ער ענטפֿערט ?

אַדוואָקאַט : יאָ... און וואָס איז אײַער צווייטע פֿראַגע ?

1. il est dur d'aller à l'école/it's hard to go to school 2. année scolaire/school year 3. se lever/get up 4. tu dois/you have to 5. petit déjeuner/breakfast 6. caresser/pet 7. enrhumé/have a cold 8. alors/so 9. bêtises/nonsense 10. je déteste/I hate 11. arrête/stop 12. TALMIDIM élèves/pupils 13. hôpital/hospital 14. chirurgien/surgeon 15. ... MOYRE j'ai peur/I'm afraid 16. ne vous faites pas de souci/don't be anxious 17. inquiète/worried 18. avocat/lawyer 19. MESIBE réception/party 20. apprend/learns 21. enchanté/pleased to meet you 22. EMES vrai/true 23. une certaine somme/a certain amount.

# סינאָנימען־שפּיל פֿאַר אָנהייבערס

אין די וויַיטערדיקע[1] אויסדרוקן האָבן מיר פֿאַרביטן[2] געוויסע[3] ווערטער מיט סינאָנימען אָדער ווערטער וואָס האָבן אַן ענלעכן מיין[4] : אָדער מע האָט פֿאַרביטן אַ לשון־קודש־שטאַמיק[5] וואָרט מיט אַ וואָרט פֿון גערמאַנישן אָפּשטאַם[6], אָדער פֿאַרקערט[7]. געפֿינט די ריכטיקע ווערטער אין דער ליסטע לינקס און שריַיבט איבער די אויסדרוקן לויט[8] דער אָנגענומענער[9] פֿאָרעם.

1. אָוועקמאַכן מיטן יד[10] [= נישט נעמען ערנסט]
2. אויפֿן הימל אַ מאַרק [= אַן אויסגעטראַכטע זאַך אָדער אַ סך טומל צוליב גאָרנישט]
3. רעדן קלאָרע ווערטער [= רעדן דירעקט]
4. יבשה[11]־ציטערניש [= אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפֿע, ווען אַ שטיקל קאָנטינענט באַוועגט זיך]
5. האַלטן קריג [= זיך שלאָגן מיט אַרמייען]
6. אַ פֿראַגע אויף אַ מעשׂה[12] [= מע קען קיין מאָל נישט וויסן]
7. שיין ווי דער עולם[13] [= זייער שיין]
8. אויף אַ שטים [= (זאָגן אָדער לייענען) הויך, אַזוי אַז אַנדערע זאָלן קענען הערן]

א. דיבורים[14]
ב. מלחמה[15]
ג. האַנט
ד. קשיא[16]
ה. קול[17]
ו. ערד
ז. יריד[18]
ח. וועלט

די ענטפֿערס אויף זיַיט 8

1. suivants/following 2. échangé/changed 3. certains/certain 4. sens/meaning 5. LOSHN-KOYDESH-... d'origine hébraïque ou araméenne/of Hebrew or Aramaic origin 6. origine/origin 7. le contraire/the opposite 8. selon/according to 9. habituel/conventional 10. YAD main/hand 11. YABOSHE terre ferme/dry land 12. MAYSE histoire, conte/story 13. OYLEM monde/world 14. DIBURIM paroles/words 15. MILKHOME guerre/war 16. KASHE question 17. KOL voix/voice 18. YARI'D foire/fair.

# ווער בין איך ? טעאַטער־שפּיל פֿאַר קענערס

עלף באַרימטע טעאַטער־מענטשן אָדער דראַמאַטורגן שטעלן זיך פֿאָר אין די וויַיטערדיקע זאַצן. געפֿינט זייערע נעמען אין דער ליסטע לינקס.

1. איך האָב אָנגעשריבן די פּיעסע „דער דיבוק“[1] וואָס נאָך מיַין טויט האָט מען זי געשפּילט אויף דער גאַנצער וועלט.
2. מע רופֿט מיך „דער טאַטע פֿונעם ייִדישן טעאַטער“.
3. מע רופֿט מיך „די מאַמע פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין פּוילן“.
4. איך האָב אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסעס (ווי דאָס גרויסע געווינס) און אַ ראָמאַן וועגן דעם לעבן פֿון אַקטיאָרן בלאָנדזשענדע שטערן[2].
5. מיַין דראַמע די גאָלדענע קייט איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און דערצו איז איר טיטל געוואָרן אַ גאַנצער סימבאָל.
6. מיַין דראַמע „דער סוחר פֿון ווענעדיק“[3] האָט מען אַ סך געשפּילט אין ייִדישן טעאַטער.
7. איך בין געווען באַרימט ווי אַן אַקטיאָר און רעזשיסאָר[4] פֿונעם ייִדישן מלוכה־טעאַטער[5] אין מאָסקווע.
8. איך האָב געגרינדעט אין ניו־יאָרק דעם ייִדישן קונסט־טעאַטער[6] און אויך געשפּילט אין ייִדישע פֿילמען.
9. איך בין באַרימט מיט מיַינע מגילה־לידער[7], וואָס מע האָט געשטעלט אויף דער בינע אין ישׂראל אין 1965.
10. איך האָב אָנגעפֿירט מיטן ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה[8].
11. היַינט קען מען מיך דער עיקר[9] פֿון ייִדישע פֿילמען (ווי ייִדל מיטן פֿידל), אָבער איך בין אויך געווען אַ גרויסע טעאַטער־„סטאַר“ פֿון „סעקאָנד אַוועניו“ אין ניו־יאָרק.





א. אַבֿרהם[10] גאָלדפֿאַדען
ב. שלום־עליכם[11]
ג. וויליאַם שעקספּיר
ד. אידאַ קאַמינסקאַ
ה. שלמה[12] מיכאָעלס
ו. איציק מאַנגער
ז. יצחק־לייבוש פּרץ[13]
ח. ש. אַנ–סקי
ט. אסתּר־רחל[14] קאַמינסקאַ
י. מאָלי פּיקאָן
יא. מאָריס שוואַרץ

די ענטפֿערס אויף זיַיט 8

1. ... DIBEK *Le Dibbouk/The Dybbuk* 2. *Étoiles errantes/Wandering Stars* 3. ... SOYKhER ... *Le Marchand de Venise/The Merchant of Venice* 4. metteur en scène/director 5. MELUKhE-... théâtre d'État/State Theater 6. Théâtre d'art juif/Jewish Art Theater 7. MEGILE-... *Chants du Rouleau d'Esther/Songs from the Scroll of Esther* 8. ... MILKhOME deuxième guerre mondiale/2nd World War 9. ... IKER surtout/mainly 10. AVROM 11. ShOLEM-ALEYKhEM 12. ShLOYME 13. YITSKhOK-LEYBUSh PERETS 14. ESTER-ROKhL.



[סוף פֿון ז׳ 1]

קומט אַליק מיט אַ מעקער[34] און שטעלט זיי צוריק, און נאָך דעם מישן מיר זיך אַלע אַרײַן צו זאָגן אַ מיינונג – ס׳איז אַן אמתע[35] צוזאַמענאַרבעט !".

שאַרלאָט זאָגט ווײַטער : „מיר האָבן געהאַט מזל[36] צו געפֿינען צוויי טאַלאַנטירטע מיטאַרבעטער : אַ ווּנדערבאַרן פּיאַניסט, מאַרק אַלבערמאַן, וואָס האָט קאָמפּאָנירט און געשפּילט די גאַנצע מוזיק ; און מיריי אַרט, וואָס האָט געשאַפֿן[37] די שיינע קאָסטיומען. זיי האָבן צוגעגעבן אַ סך חן[38] צו דער אויפֿפֿירונג[39]".

וועגן דעם מאָנאָלאָג אויפֿן האַלבוועג פֿון בענקשאַפֿט[40] האָבן מיר גערעדט מיט אַניק פּרים־מאַרגוליס, דער אַקטריסע וואָס האָט אי געפֿונען דעם טעקסט אי[41] געשפּילט די ראָלע. זי שפּילט שוין אַכט יאָר מיטן טרוים־טעאַטער. זי איז אויך אַ ייִדיש־לערערקע אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער און אַ מחברטע[42] פֿון ייִדישע לערנביכער. לייענענדיק באָריס סאַנדלערס בוך רויטע שיכעלעך פֿאַר רייטשעל (2008), האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף[43] דער דערציילונג „ערגעץ אויפֿן האַלבוועג פֿון בענקשאַפֿט" וואָס איז איר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן : „מיר זײַנען געווען אין מאָנטרעאָל ווּ מיר האָבן אָנטייל גענומען אינעם ייִדיש־טעאַטער־פֿעסטיוואַל. דאָרטן האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט באָריס סאַנדלערן, אַ ייִדישן שרײַבער און הויפּטרעדאַקטאָר פֿון דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס. שמועסנדיק וועגן די דערציילונגען פֿון זײַן לעצט בוך, איז אונדז אײַנגעפֿאַלן[44] אַז דער טרוים־טעאַטער וואָלט געקענט אויפֿפֿירן דעם מאָנאָלאָג און אַז איך זאָל שפּילן די ראָלע. ס׳איז געווען פֿאַר מיר אַ גרויסער פֿאַרמעסט[45] – ערשטנס, די טעכנישע שוועריקייט זיך אויסצולערנען אַ מאָנאָלאָג פֿון 50 מינוט, אָבער נאָך שווערער זײַנען געווען די שטאַרקע עמאָציעס וואָס דאָס האָט אויפֿגעוועקט און די אָפּקלאַנגען[46] וואָס איך האָב געפֿילט מיט דער געשיכטע פֿון מײַן אייגענער משפּחה[47]. אין אָנהייב בין איך געווען אַזוי גערירט[48] אַז איך האָב נישט געקענט זיך אײַנהאַלטן פֿון וויינען. איך האָב געאַרבעט מיט שאַרלאָטן זיך אויסצולערנען ווי אַזוי מע קען האַלטן אַ דיסטאַנץ צום מאַטעריאַל און איבערקומען[49] די עמאָציעס. שאַרלאָט דערקלערט שטענדיק אַז די עמאָציעס – זאָל זײַן טרערן צי געלעכטער – דאַרפֿן אָנרירן דעם עולם, נישט די אַקטיאָרן".



**אַניק פּרים־מאַרגוליס אין לעבן (אויבן) און אין „אויפֿן האַלבוועג פֿון בענקשאַפֿט" (רעכטס).**

אויפֿן האַלבוועג פֿון בענקשאַפֿט האָט געשפּילט פֿיר מאָל אין פּאַריז פֿאַר אַן אָנגעפּאַקטן זאַל[50] – און די עמאָציעס זענען טאַקע געווען בײַם עולם !

אַביש קאָרנפֿעלד, וואָס שפּילט שוין לאַנגע יאָרן מיטן טרוים־טעאַטער, האָט שטאַרק געלויבט די צוזאַמענאַרבעט אָבער צום מערסטן שאַרלאָטס טאַלאַנט און פֿעיִקייטן. זי איז די איינציקע מיט אַ פּראָפֿעסיאָנעלער דערפֿאַרונג[51] אין דער טרופּע און גרייט צו יעדן אַספּעקט פֿון דער פּיעסע נעמענדיק אין אַכט אַלע פּיטשעווקעס[52]. דערצו העלפֿט זי יעדן אַקטיאָר צו געפֿינען אַן אייגענעם וועג צו דער ראָלע.

מיר האָבן אויך געוואָלט הערן עפּעס פֿון די נײַע מיטגלידער, די וואָס האָבן געשפּילט צום ערשטן מאָל.

אַני וואַסערמאַן : „מיר האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ כּישוף[53] ! אַזוי ווי מע גייט אַרײַן אין קיך, מע נעמט באַזונדערע אינגרעדיענטן, מע מישט זיי צוזאַמען און מע באַקומט אַ ווּנדערבאַרן קוכן".

שאַרל פּערעל : „ווען איך רעד ייִדיש אויף דער בינע און איך הער אַז מענטשן לאַכן, פּלאַץ איך פֿון פֿאַרגעניגן[54] !".

„המנס מפּלה" האָט מען פֿילמירט און מע האַלט אין צוגרייטן אַ DVD.

די טרופּע וועט שפּילן אין ניו־יאָרק אויף דעם קולטורפֿעסט וואָס קומט פֿאָר פֿונעם 14טן ביזן 22סטן יוני.

איר קענט געפֿינען מער אינפֿאָרמאַציעס וועגן טרוים־טעאַטער אויפֿן וועבזײַטל : http://www.yiddishteater.org/

34. gomme/eraser 35. E'MESE véritable/real 36. MAZL chance/luck 37. conçu/designed 38. KHEYN charme/charm 39. représentation/production 40. *À mi-chemin de la nostalgie*/*Halfway to Longing* 41. et... et/both... and 42. MEKHA'BERTE auteure/author (*fem.*) 43. est tombée sur/fell upon 44. nous est venu à l'esprit/it occurred to us 45. challenge 46. échos/echoes 47. MISHPOKHE famille/family 48. émue/moved 49. surmonter/overcome 50. salle pleine/packed house 51. expérience 52. chaque détail/every detail 53. KISHEF magie/magic 54. je m'éclate/"I have a ball".

### די ענטפֿערס אויף דעם סינאָנימען־שפּיל פֿון זײַט 7

1. ג.– אַוועקמאַכן מיט דער האַנט
2. ז.– אויפֿן הימל אַ יריד
3. א.– רעדן קלאָרע דיבורים
4. ו.– ערד־ציטערניש
5. ב.– האַלטן מלחמה
6. ד.– אַ קשיא אויף אַ מעשׂה
7. ח.– שיין ווי די וועלט
8. ה.– אויף אַ קול

### די ענטפֿערס אויפֿן טעאַטער־שפּיל פֿון זײַט 7

| | |
|---|---|
| 1.–ח. | 7.–ה. |
| 2.–א. | 8.–יא. |
| 3.–ט. | 9.–ו. |
| 4.–ב. | 10.–ד. |
| 5.–ז. | 11.–י. |
| 6.–ג. | |




# דער ייִדישער טעם־טעם

**אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס**

דער ייִדישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט טל, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן טעם־טעם אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

פּרײַז : 2,50 אייראָס Prix : 2,50 euros